JIDDISCH

# אלע יוגענטליכע אין שוועדן וועלכע האבן געענדיגט פריימערי שולע זענען



Skolverket

בארעכטיגט צו א דריי-יעריגע העכערע סעקאנדערי שולע ערציאונג. העכערע סעקאנדערי ערציאונג שטעלט צו א גוטן פונדאמענט פאר פראפעסיאנאלע אקטיוויטעטן און ווייטערדיגע שטודיעס, און פאר פערזענליכע אנטוויקלונג און אקטיווע אנטיילנעמונג אין די געזעלשאפט.



# 18 נאציאנאלע פראגראמען

די שולע געזעץ, גילטיג אום יולי 1, 2011, באהאנדלט זעלבסטשטענדיגע און פאבליק העכערע סעקאנדערי שולעס אייניג.

עס זענען פארהאן 18 נאציאנאלע פראגראמען (6 אקאדעמישע-פארברייטונג און 12 פראפעסיאנאלע), און אלע דויערן דריי יאר.

א פראפעסיאנאלע פראגראם דארף באזיצן א הויכן שטאפל קוואליטעט, העלפן אנטוויקלן פראפעסיאנאלע פעאיגקייטן, און פארברייטן סטודענטן פאר אן ארבייטס לעבן. עס דארף זיין מעגליך אנצוהייבן ארבייטן גלייך נאכן ענדיגן די ערציאונג. אלע פראפעסיאנאלע פראגראם סטודענטן האבן אויך די געלעגנהייט צו באקומען א פונדאמענטאלע בארעכטיגונג פאר אקאדעמישע שטודיעס דורכאויס זייער ערציאונג דורכן אויסקלויבן די ענינים וואס פאדערן זיך פאר די בארעכטיגונג.

נאך די אקאדעמישע-פארברייטונג פראגראם, דארפן סטודענטן זיין גרייט פאר אקאדעמישע שטודיעס.

אויסער דעם, זענען פאראן פינף אריינפיר פראגראמען פאר סטודענטן וועלכע זענען נישט בארעכטיגט צו די נאציאנאלע פראגראמען, וועלכע פירן די סטודענטן צו איינס פון די 18 נאציאנאלע פראגראמען, אדער צו דער ארבייטס קראפט.

געוויסע שולעס האבן פראגראמען וועכע נויגן אפ פון דעם נאציאנאלן פראגראם. די זענען ספעציעלע אנדערע פראגראמען מיט א נאציאנאלע רעקרוטירונג, און נאציאנאל באשטעטיגטע ספארט פראגראמען (NIU)

# בארעכטיגונג פאדערונגען פאר העכערע סעקאנדערי שולע

בארעכטיגונג פארשריפטן פאר'ן אריין גיין אין די העכערע סעקאנדערי שולע זענען אנדערש פאר פראפעסיאנאלע פראגראמען און פאר אקאדעמישע-פארברייטונג פראגראמען.

ביידע, פראפעסיאנאלע און אקאדעמיש-פארברייטונג, נאציאנאלע פראגראמען פאדערן פון דעם סטודענט צו באזיצן א דורכגייענדע צייכענונג אין שוועדישע (אדער שוועדיש אלס א צווייטע שפראך), ענגליש און מאטעמאטיקס.

אויסער דעם, פאר פראפעסיאנאלע פראגראמען מוז דער סטודענט באזיצן א דורכגייענדע צייכענונג אין נאך פינף ענינים, פאר א סך הכל פון אכט.

אויסער דעם, פאר אקאדעמישע-פארברייטונג פראגראמען מוז דער סטודענט באזיצן א דורכגייענדע צייכענונג אין נאך ניין ענינים, פאר א סך הכל פון צוועלף.

פאר די ביזנעס שטודיעס, סאציאלע וואוסענשאפט און היומאניטיס פראגראמען, מוזן פיר פון די ניין אנדערע דורכגייענדע ענינים זיין געאגראפיע, היסטאריע, סאציאלע שטודיעס און רעליגיע. פאר די נאטורליכע וואוסענשאפט און טעכנאלאגיע פראגראמען, מוזן דריי פון די ניין אנדערע דורכגייענדע ענינים זיין ביאלאגיע, פיזיקס, און כעמיע. פאר די ארטס, מוזיק און דראמא פראגראם קען דער סטודענט זיך פריי אויסקלויבן די ניין אנדערע ענינים.

געוויסע פראגראמען אין די אסטעטישע אנגעלעגנהייט, פארגעשריטענע שטודיעס פראגראמען, און ספארטס פראגראמען, קענען האבן ספעציעלע איינשרייבונג פאדערונגען און טייל מאל טעסטס.

## קורסן און ענין פלענער

די שוועדישע העכערע סעקאנדערי שולע איז באזירט אויף סטודענטן וועלכע שטודירן איין אדער מער קורסן אין די ענינים וועלכע זענען אריין גערעכנט אין א פראגראם. די מערסטע קורסן זענען ווערט 100 פונקטן, וועלכע איז אייניג צו פיר וואכן פון פולע-צייט שטודיעס. די שולע ענינים און די פארשידענע קורסן און באקאנטשאפט פאדערונגען וואס זענען געשילדערט אין די ענין פלענער, טוען באשטימען דעם וועג וויאזוי דאס לערנען גייט צו אין די העכערע סעקאנדערי שולע.

## צייכענונג וואגשאהל

די העכערע סעקאנדערי שולע האט א צייכענונג וואגשאהל פון עי ביז עף. עי איז די העכסטע צייכענונג, אי איז די נידריגסטע דורכגייענדע צייכן, און עף ווייזט אויף א דורכפאל. סטודענטן באקומען די צייכענונגען נאך יעדע געענדיגטע קורס. עס זענען פאראן נאציאנאלע באקאנטשאפט פאדערונגען פאר צייכענונגען אי, סי, און עי.

## סטרוקטור פון די פראגראמען

עס זענען פאראן סעקאנדערי פונדאמענט ענינים וואס אלע סטודענטן פון די העכערע סעקאנדערי שולע שטודירן. די זענען ענגליש, היסטאריע, פיזיקל ערציאונג און געזונט, מאטעמאטיקס, וואוסענשאפט שטודיעס, סאציאלע שטודיעס, רעליגיע און שוועדיש (אדער שוועדיש אלס א צווייטע שפראך). סטודענטן אין אנדערע פראגראמען שטודירן די ענינים אויף אנדערע שטאפלן.

אין צוגאב צו די סעקאנדערי פונדאמענט ענין, פארמאגט יעדע פראגראם א צאל פראגראם-ספעציפישע ענינים וועלכע ווערן שטודירט דורך אלע סטונדעטן אין יענע שטודיע פראגראם. דאס גיט פאר די פראגראמען זייער אידענטיטעט.

אלע פראגראמען אויסער די קעיר און טריעטמענט פראגראם האבן פארשידענע אריענטאציעס פון וועלכן די סטודענטן קענען זיך אויסקלויבן. אויסער דעם האט יעדער פראגראם פארשידענע קורסן וועלכע קענען שטודירט ווערן מער טיעף אויף פארשידענע ספעציאליזאציעס. עס זענען אויך פאראן אינדיווידועלע פראפעסיאנאלע אויסוואהלן.

אלס א טייל פון די אינדיווידועלע פראפעסיאנאלע אויסוואהלן אין די פראפעסיאנאלע פראגראמען, ווערט געפאדערט פון שולעס אנצובאטן קורסן וועלכע קומען נאך די פאדערונגען פאר די פונדאמענטאלע בארעכטיגונג פון אקאדעמישע שטודיעס. אין אלע פראגראמען דארפן די סטודענטן האבן די געלעגנהייט צו שטודירן ווייניגסטענס איין אסטעטישע ענין, און ווייניגסטענס איין קורס אין ספארטס און געזונט אלס אינדיווידועלע פראפעסיאנאלע אויסוואהלן.

אלע פראגראמען טוען אויך איינשליסן א דיפלאמע פראיעקט, וועלכע שילדערט אין קורצן וואס דער סטודענט האט געלערנט אין דעם פראגראם. דער פראיעקט מוז באשטעטיגט ווערן פאר דעם סטודענט צו באקומען א דיפלאמע.



# ארבייטס פלאַץ–באַזירטע לערנונג

ביי די פּראָפעסיאָנאַלע פּראָגראַמען איז מעגליך זיך אויס צו קלויבן א העכערע סעקאַנדערי ארבייטס פלאַץ-באַזירטע לערנונג. א סטודענט וועלכע קלויבט אויס די ברירה פארברענגט דאס מערסטע שולע תקופה אויף איין אדער מערערע ארבייטס פלעצער. ארבייטס פלאַץ-באַזירטע לערנונג האט דעם זעלבן ציל און באַקאַנטשאַפט פאדערונגען ווי שולע-באַזירטע פּראָפעסיאָנאַלע פּראָגראַמען.

נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע פּראָגראַם קאָמיטעען טוען פארשטאַרקן קאָאָפּעראַציע צווישן די העכערע סעקאַנדערי שולע פּראָפעסיאָנאַלע פּראָגראַמען און ארבייטס פלעצער.

# צוויי סאָרטן דיפּלאָמעס

א סטודענט וואס האט געענדיגט א העכערע סעקאַנדערי שולע פּראָגראַם קען באַקומען א העכערע סעקאַנדערי שולע דיפּלאָמע.

פאר א **פּראָפעסיאָנאַלע דיפּלאָמע**, מוז א סטודענט האבן שטודירט 2,500 פונקטן און דורכגעגאַנגען ווייניגסטעס 2,250. דער סטודענט מוז דורכגיין שוועדיש 1 (אדער שוועדיש אלס א צווייטע שפּראַך 1), ענגליש 5, און מאַטעמאַטיק 1. אויסער דעם, מוז דער סטודענט דורכגיין 400 פונקטן אין פּראָגראַם-ספּעציפישע ענינים, און האבן א באַשטעטיגטע דיפּלאָמע פּראָיעקט. דער



סטודענט קען באקומען א פראפעסיאנאלע דיפלאמע אדער דורך ארבייטס פלאץ-לערנונג אדער דורך א שולע-באזירטע פראפעסיאנאלע ערציאונג.

פאר אן **אקאדעמישע-פארברייטונג דיפלאמע**, מוז א סטודענט האבן שטודירט 2,500 פונקטן און דורכגעגאנגען ווייניגסטעס 2,250. דער סטודענט מוז דורכגיין שוועדיש 1, 2 און 3 (אדער שוועדיש אלס א צווייטע שפראך 1, 2 און 3), ענגליש 5 און 6, און מאטעמאטיקס 1. אויסער דעם, מוז דער סטודענט האבן א באשטעטיגטע דיפלאמע פראיעקט.

אן אקאדעמישע-פארברייטונג דיפלאמע גיט פונדאמענטאלע בארעכטיגונג פאר אקאדעמישע שטודיעס.

לייענט מער איבער בארעכטיגונג פאר אקאדעמישע שטודיעס אויף www.skolverket.se אונטער "פראקטאקאל און שולע" און דאן "העכערע סעקאנדערי שולע".

א פראפעסיאנאלע דיפלאמע אינאיינעם מיט דורכגייענדע צייכענונג אין שוועדיש 2 און 3 (אדער שוועדיש אלס א צווייטע שפראך 2 און 3) און ענגליש 6, גיט אויך פונדאמענטאלע בארעכטיגונג פאר אקאדעמישע שטודיעס.

אין צוגאב צו די פונדאמענטאלע בארעכטיגונג פאר אקאדעמישע שטודיעס, טוען פילע סארטן אקאדעמישע שטודיעס פאדערן דורכגייענדע צייכענונגען אין קורסן וועלכע טראגן א ספעציעלע וויכטיגקייט פאר יענע באטרעפענדע שטודיעס (ספעציעלע בארעכטיגונג).

סטודענטן וועלכע זענען נישט נאכגעקומען די פאדערונגען פון די העכערע סעקאנדערי דיפלאמע וועלן אנשטאט דעם באקומען א סערטיפיקאט.

## געשעפט'מאן'שאפט

געשעפט'מאן'שאפטליכקייט דארף אריין דרינגען אין אלע העכערע סעקאנדערי שולעס. אלע פראגראמען דארפן געבן פאר די סטודענטן די געלעגנהייט צו לערנען מער וועגן געשעפט'מאן'שאפטליכקייט.

## א טייל פון אייראפע

די שוועדישע העכערע סעקאנדערי שולע איז אנגעבינדן מיט די אייראפעאישע קוואליפיקאציע סיסטעמען כדי צו דערלייכטערן די באוועגונג פון בירגער צווישן לעדנער און ערמעגליכן לעבנס-לענגליכע לערנונג.

# ערציאונג פאר דערוואקסענע

ערציאונג פאר דערוואקסענע דארף נוצן די העכערע סעקאנדערי שולע ענין פלענער און באקאנטש־אפט פאדערונגען. אין די זעלבע צייט מוז די ערציאונג פאר דערוואקסענע זיין בויגזאם און זיך צו שטעלן צום געברויך פון דעם דערוואקסענעם סטודענט.



# די 18 פראגראמען

## פראפעסיאנאלע פראגראמען

קינדער באהאנדלונג און אויסלופטערונג פראגראם
קאנסטראקשן און אינסטאלאציע פראגראם
עלעקטריקל און ענערגיע פראגראם
וויהיקל און טראנספארטאציע פראגראם
ביזנעס און אדמיניסטראציע פראגראם
הענדיקרעפט פראגראם
האטעל און רעסטאראנט פראגראם
אינדוסטריע אינדזשענירונג פראגראם
נאטורליכע רעסורסן פראגראם
רעסטאראנט און עסנווארג פראגראם
סאניטארע הייצונג און פראפערטי אויפהאלטונג פראגראם
קעיר און באהאנדלונג פראגראם

## אקאדעמישע פארברייטונג פראגראמען

ביזנעס שטודיעס פראגראם
ארט, מוזיק און דראמא פראגראם
היומאניטיס פראגראם
נאטורליכע וואוסענשאפט פראגראם
סאציאלע וואוסענשאפט פראגראם
טעכנאלאגיע פראגראם

# ארייַנפיר פראָגראַמען

די פינף ארייַנפיר פראָגראַמען גיט פאַר די סטודענטן וועלכע זענען נישט באַרעכטיגט צו א נאַציאָנאַלן פּראָגראַם נייַע געלעגנהייטן צו געווינען די באַרעכטיגונג, זיך צו גרייטן צום אַרבייטס מאַרקעט אָדער פאָרזעצן אין אַן אַנדערע ערציאונג.

**די פינף ארייַנפיר פראָגראַמען זענען:**

פאָרברייטונג ערציאונג
אינדיווידועל'יזירטע פּראָגראַם-אָריענטעד שטודיעס
פּראָפעסיאָנאַלע ארייַנפיר
אינדיווידועלע אַלטערנאַטיוון
שפּראַך ארייַנפיר

Skolverket

ISBN 978-91-86529-86-4
AB Typoform גראפיק דעזיין
Michael McLain פאטאגראפיע

Skolverket